ישראל שטערן

# פאַרמאַך די פענצטער

## 1

די פאַרליבטע דעמערונג איז אומגעפאַלן. אויפן באַרג שטייט די נאַכט,
אין בײדע הענט — דעם שטורעם.
די שטילקייט פון די טייכן האָט פאַר חרפּה זיך דערטרונקען,
דער טונקל האָט אַרויסגעריסן זייער פרישע רויטע צונג.
שרייען שטומע ווייטקייטן ווי ווייט ס'איז נאַכט געוואָרן,
און די געליבטע הילף פאַרלאָשן.
דאָס האַרץ וועט אַרויספאַלן, פאַרמאַך די פענצטער.

דער ריח פון פאַרנאַכט וואַנדערט זיס אים דורכן גומען,
מיט גאָלד־שטראַלן אין די אויגן האָלט דער פישער נאָך זיין געץ
און שלעפּט אַרויס... זיין צעוואַקסענע, שוואַרצע, דאַרשטיקע געשטאַלט.
מיר שפּיגלען זיך אין שטורעם.
וואָלקן שרייען טיף, זיבנהימליש טיף,
פאַלן מיר אַריין מיט דער נאַכט איבערן קאָפּ,
און לאָזן אַראָפּ פון די אָרעמס די פאָרפאָרדיקע קינדהייט...
ווי קאַלטע ווינטן שטעכן די צאַרטע הויט פון פירמאַמענט.
דאָס האַרץ וועט אַנטלויפן, פאַרמאַך די פענצטער.

אין געקילטע טיכער וויקלען שאָטנס ווי אַ קינד די איינזאַמקייט.
פירן זי צום ווייכן גרענעץ צווישן פעלד און דעמערונג,
וואו ביימער לעבן איינגעבויגן
אונטער דער לאַסט פון צופּיל שווייגן...
מאַכן מיר די אויגן צו — וויג, וויג אָונט־ווינט!
פאַרקלעמען מיר די ווייס פעסט: פינטלעך... ליבטלעך... טאַנצן...
...שוועבן...
אין קאַלירן לויפט שפּאַצירן דער שלאָף פון אונדזער לעבן — — — —

טאָ ווער זשע קלאַפּט אין ווייטסטן טויער ?
און אַז מיר עפענען זיך אויף :
די באַנג־בלאָ־געאָרימטע ערד און הימל
האָט אַ בליק די העלדזער דורכגעמעסערט.
ווי בלוטיקע אָדערן ציען זיך שטראָמען, פאַרנאַרן טיף אין נאַסע גריבער
דעם מענטש צוזאַמען מיט זיין בענקשאַפט.
אונדזערע רויטע אויגן שווימען העט, וואו דער טונקלסטער עק
דונערט שוין דעם געזאַנג פון דער נאַכט,
און די ערשטע שטערן לאַכן
שלעכט
מיט אָריינגעזעצטע זילבערנע אויגן.
דעכער האָבן גישט וואו זיך באַהאַלטן
און רייסן פון זיך שטיקער,
וואַרפן קרבנות דעם שטורעם...
און דאָס האַרץ — פאַרמאַך די פענצטער !

2

ווי קאָן מען אַליין זיין ?
דער שטורעם איז דאָ, און דער מענטש איז אין שטורעם,
און דער מענטש איז זיך ווייט,
ווי וואָלקן — פון הימל...

איז עמעץ נאָך אונטן ?
די ערד כאַפּן שטורעמס צו זיך אויף די אַקסלען, און דער מענטש
איז זיך ווייט,
אַז אויפגעהויבענער פליגל... ווי קאָן מען אַליין זיין ?

ווי קאָן מען אַ שטיין זיין, דער שטיין איז קיין שטיין נישט,
דער שטיין איז אַ הייסער
און קאָכט זיסע ברוקן פון בלוט.

ווער וואוינט היינט אַליין ?
אין אַנגסט־שוויס לויפן איינזאַמקייטן איבער שווינדל־טרעפּ פון ווינט.
בריען אָפּגעווייניטע הענט אין צעפּלאַמטן האָריזאַנט —
אפשר הענגט דאָרט זייער שולד...

ווי קאָן מען אַליין זיין און ריין זיין און טיף זיין,
צום זאַמדיקן ראַנד שרייט דער קרישטאָל
פון אַ טייך, וואו אַ מענטש שטייט און וויינט
אויס קנאה צו די פיש...

דער שטראָם פון די הערצער איז אַריבער די ברעגעס.
שטייען: באַגינען און מיטאָג און אָונט ביזן בויך אין געוויסער.
שיפט זיך די רואיקייט אַהין און דאָס שיפל וואָרפט זיך...

ווי קאָן מען אַליין זיין ?
אין טרוים טרוימט דער שטורעם, ווי אַן אייזערנע צונג
אין אַ זילבערנעם גלאָק...

דעמערונגען וועקן אויף דעם זייד פון זייער דרימל,
רייסן זיך פון בלאָען בעט מיט אַ יללה: כמאָרעס גייען,
און מיר גייען אונטער ! !

ווער איז איצט אַליין ?
אויף די מידע מאַטע שויבן פאַלט די נאַכט ווי אַ קללה.
(נאָך קיינמאָל האָט זי נישט געוויזן אַזאַ גרויסן ווילדן קאָפּ
שוידערן די פענצטער. די שמאָלע שוואַכע ווייסע ראַמען גייען אויס.
די ווענט בייגן זיך אין טונקל, באַהאַנגענע מיט שווערע שאָטנס,
ווי בילדער
פון געשטאָרבענע געליבטע. ווער וואוינט היינט אַליין ?